בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת אחרי קדושים תשפ"ה** **גליון 792 [שנה י"ז]**

## פרשת אחרי

**צדיקים לעבן אייביג**

וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה' וַיָּמֻתוּ: וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ: (טז ל) פרעגן אלע מפרשים וואס איז געווען דער דיבור וַיְדַבֵּר ה', פון פסוק א? אויך איז שווער עס וואלט געדארפט שטיין אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ, אזוי ווי עס שטייט (דברים ב טז) וַיְהִי כַאֲשֶׁר תַּמּוּ כָּל אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה לָמוּת מִקֶּרֶב הָעָם: וַיְדַבֵּר ה' אֵלַי לֵאמֹר, שטייט די דיבור נאך די מיתה? אויך איז שווער פארוואס שטייט וַיָּמֻתוּ ווען עס שטייט שוין אַחֲרֵי מוֹת? נאר מען קען זאגן אז די תורה הקדושה וויל זאגן די מעלות הצדיקים דאס וואס שטייט (ברכות ט"ו ע"ב) אז צדיקים במיתתם הייסן חיים, ווייל די צדיקים זענען דבוק אין אויבערשטן זייערע גאנצע לעבן, זענען זיי זוכה צו לעבן אויך נאכן מיתה, א חיי נצח, אבער כדי זיי זאלן דאס באקומען דארפן זיי פריערט שטארבן, אבער גלייך נאכדעם באקומען זיי די חיים הנצחים, און דאס מיינט וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה, דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה, אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן, דאס וואס די בני אהרן זענען געשטארבן איז דאס געווען: בְּקָרְבָתָם לִפְנֵי ה', כדי זיי זאלן לעבן א חיי נצח פאר די אויבערשטער, אבער דאס קענען זיי דערגרייכן נאר ווייל וַיָּמֻתוּ, איז שוין פארענטפערט וואס איז געווען דער ערשטער דיבור, און אויך פארוואס שטייט צוויי מאל מיתה, ווייל דורך די וַיָּמֻתוּ האבן זיי ווייטער באקומען חיים. (דברת שלמה הרה"ק ר' שלמה מלוצק)

**תשובה דארף זיין באמת**

כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ: (טז ל) דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין לִפְנֵי ה' "תִּטְהָרוּ", ווען עס שטייט שוין יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם "לְטַהֵר" אֶתְכֶם? נאר עס שטייט אין גמ' (יומא דף פ"ו ע"ב) אמר רבי לוי: **גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד,** שנאמר שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ (הושע יד ב), וואס לכאורה אויב די תשובה איז אנגעקומען ביזן כסא הכבוד מוז דאס זיין א ריכטעגע תשובה, דעריבער זאגט דער נביא ווייטער, אבער אויב די תשובה איז נישט אנגעקומען צום כסא הכבוד, איז א סימן כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֺנֶךָ, עס פעלט נאך אין דיין תשובה, דאס מיינט דער פסוק כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם, דעם טאג פון יום הכיפורים איז מכפר, אבער עס דארף זיין א תשובה אז עס זאל אנקומען לִפְנֵי ה' פארן כסא הכבוד תִּטְהָרוּ, ריכטעגע תשובה. (אברהם יגל ר' אברהם מתוניס)

## פרשת קדושים

**דער אויבערשטער איז דן די וועלט נאך רוב**

וְאִישׁ אִישׁ מִבֵּית יִשְׂרָאֵל וּמִן הַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכָם אֲשֶׁר יֹאכַל כָּל דָּם וְנָתַתִּי פָנַי בַּנֶּפֶשׁ הָאֹכֶלֶת אֶת הַדָּם וְהִכְרַתִּי אֹתָהּ מִקֶּרֶב עַמָּהּ: (יז י) זאגט רש"י וְנָתַתִּי פָּנַי. פְּנַאי שֶׁלִּי, פּוֹנֶה אֲנִי מִכָּל עֲסָקַי וְעוֹסֵק בּוֹ, דארף מען פארשטיין אז דער אויבערשטער וועט אוועקגיין פון זיינע געשעפטן און עוסק זיין מיט דעם מענטש וואס וועט עסן בלוט, ווען מלא כל הארץ כבודו, און א כל יכול, און קען טאן זיינע געשעפטן און אויך שטראפן דעם מענטש? נאר עס שטייט אין ספרים אז בדרך כלל ווען דער אויבערשטער איז דַן די וועלט גייט ער נאך די רוב, און אויב רוב זענען זכאי, ווערן די מיעוט וואס זינדיגן אויך זכאי, אבער דא זאגט דער אויבערשטער, פאר עסן בלוט וועל איך אוועקגיין פון מיין עסק וואס איך בין דַן נאך רוב, און איך גיי אוועק פון דעם, און וְנָתַתִּי פָּנַי בַּנֶּפֶשׁ הָאֹכֶלֶת אֶת הַדָּם, איך וועל אים דן זיין ווי א יחיד, און וְהִכְרַתִּי אֹתָהּ מִקֶּרֶב עַמָּהּ, ער וועט באקומען זיין עונש ווי א יחיד. (אמרי שפר הגאון רבי שלמה קלוגער)

**שייכות פון שבת און מורא פון אביו ואמו**

אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ וְאֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ: (יט ג) צו פארשטיין די שייכות פון אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ מיט שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ? נאר עס שטייט (אבות פרק ה) א אהבה וואס איז תלוי אין אזאך איז צום סוף וועט די אהבה בטל ווערן, ווייל די ליבשאפט איז נאר וועגן עפעס און ווען יענע זאך ענדיגט זיך איז אויס אהבה, אבער אמתע אהבה איז נישט תלוי אין אזאך, דעריבער שטייט מען טאר נישט דינען דעם אויבערשטן צו באקומען שכר נאר מען דארף דינען דעם אויבערשטן ווייל מען האט אים ליב, אהבת ה', און מען דארף טאן די אלע מצוות ווייל מען האט ליב דעם אויבערשטן, דאס זעלבע איז א קינד צו עלטערן וואס די אהבה איז איינגעבאקן אין זיי און אפילו די עלטערן געבן מוסר אדער שטראפן די קינדער איז נאך די אהבה גאר שטארק, און עס שטייט אין חז"ל אז שמירת שבת איז שקול כנגד כל התורה, און אין שבת איז מרומז די תורה דעריבער שטייט (עירובין דף ס"ט) **כל המחלל את השבת כאילו מחלל כל התורה כולה,** דאס קען זיין אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ, וואס די אהבה איז שטענדיג אפילו עס איז דא מורא, אזוי דארף זיין שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ, וואס דאס איז קיום התורה, מרומז אין שבת, אז מען דארף מקיים זיין אלעס מיט אהבה, און נישט זיין תלוי אין באקומען שכר פאר דעם. (דברי מהרי"א אסאד)

## פרקי אבות פרק ג

הוּא הָיָה אוֹמֵר, כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ. וְכָל שֶׁאֵין רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ. (משנה י) מען וואלט געקענט מסביר זיין דעם משנה וואס האט רוּחַ הַבְּרִיּוֹת צו טאן מיט רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ? נאר בפשטות אז מענטשן האבן אים ליב און ער האט נישט קיין שונאים, איז דאס א ראיה אז דער אויבערשטער איז באוויליגט פון דער מענטש. ווייל עס שטייט פון שלמה המלך (משלי טז ז) בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי אִישׁ, ווען דער אויבערשטער איז באוויליגט אין די מעשים פון א מענטש, דעמאלט'ס גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ. האט דער מענטש נישט קיין שונאים, זעהט מען אז עס ווענדעט זיך אין אויבערשטן, אבער אויב אֵין רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, און ער האט שונאים איז א סימן אז אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ מיט דעם איז גוט דער פסוק: ה' לִי בְּעֹזְרָי וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי. (תהלים קיח ז) ווי וועט מען אנקוקן די שונאים? נאר ווייל מען וועט נישט האבן קיין שונאים, ווייל אויף א שונא קען מען נישט קוקן! איז פשט אזוי, ווען ה' לִי בְּעֹזְרָי, און דער אויבערשטער העלפט מיר, נאר ווען איך טו גוטע מעשים, און רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ, דער אויבערשטער האט מיר ליב, דעמאלט וַאֲנִי אֶרְאֶה בְשֹׂנְאָי, מען וועט נישט האט קיין שונאים, ווייל רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ. (שמח זבולון תשע"ז- תשפ"ה)


הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

מדור העובדות

## ***** דער שַׂר פון נישכיז האט געראטעוועט הרה"ק ר' מרדכי מנישכיז פון א שווערע שטראף ******

הרה"ק ר' מרדכי מנישכיז איז געבוירן געווארן שנת תק"ח צו זיין הייליגער טאטע הר"ר דוב בער און זיין מאמע הרבנית מרת גיטל. דער הייליגער חוזה מלובלין האט געהערט א כרוז פון הימל "מרדכי בן גיטל בלתי לה' לבדו," ער איז געווען א תלמיד פון הרה"ק ר' יחיאל מיכל דער מגיד פון זלאטשוב. (נפ' ט' ניסן תק"ס) זיין זון ר' יצחק מנישכיז זצוק"ל איז געבוירן שנת תקמ"ח (נפ' כ"א שבט תרכ"ח).

ר' יצחק האט דערציילט וואס זיין הייליגער טאטע האט אים דערציילט, איינמאל האט דער טאטע געזען אין הימל אז עס איז דא א שטארקע קיטרוג אויף אים, און ער האט נישט געוואוסט פארוואס דאס איז, אבער שפעטער האט ער זיך דערוואוסט, און די מעשה איז געווען אזוי: דער טאטע -ר' מרדכי- איז געווען א פועל ישועות און מען איז געקומען צו אים אידן און גוים, און ער האט פרובירט אלעמען צו העלפן און דאס איז געווען א קידוש ה', אויך האבן די גויים פון נישכיז געהאט גרויס כבוד פאר אים, און שטענדיג געזוכט אים צו העלפן ווען ער האט געדארפט עפעס א טובה פון זיי.

דער טאטע האט זיך אזוי געפירט: ווען א חולה איז געקומען צו אים פאר א רפואה, האט ער געפרעגט דעם חולה צו ער גלויבט אז דער אויבערשטער איז א יחיד און מיוחד, און צו ער האט היינט געליינט ק"ש און מקבל געווען עול מלכות שמים? דעם טאטן האט מען נישט געקענט אפנארן, ווייל ער האט אלעם געקענט זען ביי א מענטש, און ווען ער האט מרגיש געווען אז יענער איד איז נישט שטארק אין אמונה, האט ער גערעדט מיט אים און אים מחזק געווען אין אמונה ביז דער איד איז געווארן ביי זיך שטארק אין אמונה, אז דער אויבערשטער איז א יחיד און א כל יכול, און דער חולה האט דעמאלטס געליינט ק"ש מיט א אמתע קבלת עול מלכות שמים, און איז געווארן א ריכטיגער בעל תשובה און צו געזאגט אז ער האט חרטה אויף וואס ער האט געטאן.

אז דער טאטע האט געזען אז דער חולה איז א בעל תשובה, האט ער אים געזאגט אז די קרענק איז געווען א ווארענונג פון אויבערשטן אז מען זאל תשובה טאן, און יעצט אז דו האסט תשובה געטאן וועסטו בקרוב האבן א גאנצע רפואה, און אזוי איז געווען. דאס זעלבע איז געווען ווען א גוי איז געווען קראנק און איז געקומען צום טאטן, האט ער גערעדט מיט אים, און אים געברענגט צו גלויבן אז דער אויבערשטער איז א יחיד און קען אלעס, און אזוי האט דער גוי באקומען אמונה, און ווען דער טאטע האט געזען אז דער גוי גלויבט מיט א אמת, האט ער אים אויך געזאגט אז אלע קרענק קומען פון אויבערשטן, און האט צוגעזאגט דעם גוי אז בקרוב וועט ער האבן א רפואה, און אזוי איז געווען.

דאס האט געשאפט א מורא'דיגן קידוש ה' ווייל א גרויסע טייל פון נישכיז זענען געווארן מאמינים בה' און דער שטן האט נישט געקענט דאס צו זעהן און האט געמאכט א קיטרוג אז דער טאטע האט צוגענומען די בחירה, און אזוי האט מען געוואלט אז דער חולה זאל האבן יסורין און אויסגעבן געלט אויף דאקטוירים און דערנאך זאל ער ווערן א בעל תשובה, און דא קומט מען צום טאטן און גלייך היילט ער זיי אויס אן קיין יסורין און אן געלט!

אין הימל האט מען אנגענומען וואס דער שטן האט געזאגט, אבער מען האט געענטפערט אז דער אויבערשטער האט געגעבן א כח פון צדיק גוזר והקב"ה מקיים, האט דער שטן געענטפערט, אז ער איז מסכים צו דעם, אבער כדי אים צופרידן שטעלן וויל ער אז ר' מרדכי זאל נאכן מחזק זיין דעם חולה אין אמונה, מוז ער אים אויך געבן עפעס א מעדעצין אז מען זאל אויך תולה זיין די רפואה אין די מעדעצין, ממילא וועט נאך זיין די בחירה ביים מענטש אויף וואס צו תולה זיין די רפואהאון מען האט אנגענומען די טענה.

האט ר' יצחק ווייטער דערציילט: ווי אזוי האט מען דאס אויסגעארבעט אין הימל? נישט ווייט פון נישכיז איז געווען א שטעטל ליבָאוְנִי וואס דארטן האט געוואוינט דעם דאקטאר פון גראף און אויך די חולים פון נישכיז פלעגן צו אים, און אזוי האט ער פארדינט זייער אסאך געלט, אבער ווען דער טאטע האט געפראוועט זיינע ישועות, האט ער נישט געהאט קיין חולים פון נישכיז, דעריבער האט ער מחליט געווען אז דאס איז כישוף און ער האט געשריבן א בריוו צום הויבט שר פון ווילנא אז עס איז דא א ראבינער אין נישכיז וואס היילט אויס מענטשן מיט כישוף וואס דאס האט געקענט ברענגען טויט שטראף רח"ל!

איז אנגעקומען א בריוו צום שר פון נישכיז, אז ער זאל ברענגען דעם טאטן מיט שומרים צו זיי ווייל זיי ווילן אים אויספארשן צו ער קען טאקע היילן, אדער ער איז א מכשף! דער שר האט זייער ליב געהאט דעם טאטן און האט אים געוואלט ראטעווען פון א שטראף, און אויך אז עס וועט נישט קיין כבוד פארן רבין צו פארן אזא ווייטע וועג, האט ער געשיקט רופן דעם טאטן און אים גענומען אין א פארמאכטע צימער אז קיינער זאל נישט הערן וואס זיי רעדן, און דער שר האט דערציילט פארן טאטן וועגן דעם בריוו אז ער מוז זיך גיין שטעלן פארן שר אין ווילנא ווייל מען איז אים חושד אז ער היילט אויס די מענטשן מיט כישוף!

דער טאטע האט געפרעגט: וואס איז די עצה? האט דער שר פון נישכיז געענטפערט, אז פון היינט אן קען ער ווייטער רעדן מיט די קראנקע וועגן אמונה און מאכן בעלי תשובה, אבער ער זאל זיי אויך געבן א מעדיצין און אזוי וועלן זיי אויך קענען גלויבן אז די רפואה איז פון די מעדעצין, און איך וועל שרייבן א בריוו צום שר, אז איך בין א עָרֵב אז דו ביזט נישט קיין מכשף, און אזוי וועט בטל ווערן דער פארהער! און דער טאטע האט צוגעזאגט אזוי צו טאן פון יעצט.

דער האר האט געשיקט זיין בריוו קיין ווילנא און צוגעלייגט אז ער ווייסט קלאר אז דער טאטע גיט מעדעצינין פאר די חולים און ער נוצט נישט בכלל קיין כישוף, און טאקע אין א וואך ארום איז אנגעקומען א בריוו פארן שר אז די פארהער איז בטל, און דער טאטע קען ווייטער היילן מענטשן! דער שר פון נישכיז האט איבערגעגעבן פארן טאטן די גוטע נייעס, און דער טאטע האט געדאנקט דעם שר, האט דער טאטע מיר דעמאלטס דערציילט אז יעצט פארשטייט ער וואס איז געווען די קיטרוג אויף אים פון שטן, אבער עס טוט אים וויי אז דער שטן האט מנצח געווען אביסל, אבער דער טאטע האט נאך אלעם געטאן כדי אריין צו ברענגען אמונה און א תשובה ביי די חולים, זיע"א


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

ייטב לב דפו"ר עם כל השערים $1500 תשובה של החתם סופר עם חתחמה, ספר עם חתימת השל"ה הק', ספר מרכבת המשנה עם הגהה מרבי עקיבא איגר $6500, מכתב ר' יונתן שטייף מבקש עזרה מר' יעקב רוזנהיים לקבל היתר יציאה מפעסט תש"א $1500 סעט שפתי צדיק פיליץ נדיר $1500 ג חתימות על דף של האמרי אמת מגור $1500 אמרי אלימלך דפו"ר גראדזיסק שייך להרה"ק ר' משה מסטאלין $3000 שו"ע חו"מ ח"א סלאוויטא רב משה $3800 שו"ע יו"ד ח"ב סלאוויטא $3600 אור המאיר עם הקדשת ר' מאיר שפירא $1000, תהלים בן ביתי דפו"ר $1500, תהלים זיטאמיר מצודות $24000 תהלים זיטאמיר מהסידור $6000 מכתב מישיבת קאמינעץ תש"ט ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי ור' נפתלי זאב לייבאויץ $1200 ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מניישטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם הקדשות ארוכות של אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת קרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה ור' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $3500 מיר האבן

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the א רשימה פון אונזערע ספרים

pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store. check out our website *www.seforimworld.com*

מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש און אלטע געלט.